בעזהשי"ת

# דברי
# פתיחה והדרכה

אשר השמיע

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## לבחורי חמד דקהלתינו הק'

### לפני התחלת זמן הקיץ הבעל"ט

יום ג' תזריע - מצורע תשס"ט לפ"ק

יוצא לאור ע"י

מכון מעדני מלך וויען

להשיג אצל
מכון מעדני מלך וויען
185 Wilson St.
Brooklyn N.Y. 11211
718.388.1751.#117

# דברי פתיחה והדרכה

## לבחורי חמד דקהלתינו הק׳

**איך** וויל קודם באגריסען די חשובע בחורים וואס זענען זיך צוזאם געקומען, עס איז זיכער מיט א כוונה לשם שמים, הערן דברי מוסר און הדרכה, וואס איז נוגע אויפ׳ן לעבן שפעטער. מען שטייט אנהייב פונעם זמן, וואס יעדער איינער בענקט זיך שוין צוריק צוגיין אין ישיבה, עס איז אדורך געגאנגען א בין הזמנים, אזא גרויסער הפסק, וואס מען איז נישט געזעצן בקביעות באהלה של תורה, עס גליסט זיך שוין צוריק צוגיין אין בית המדרש מיט א נייעם התחדשות, מיט פרישע כוחות. יעדער איינער האט באמת אן אינווייניגער רצון צו שטייגען, מקבל זיין אויף זיך עול תורה פון ניי. לעולם איז אפילו נישט וויכטיג אז מען זאל זיך צוזאמקומען רעדען, יעדער איינער איז באמת דערביי, צו שטייגן אין תורה. נאר דברי תורה צריכין חיזוק, יעדעווארט חיזוק וואס מען הערט, העלפט צו אז מען זאל קענען ווייטער נאך מער שטייגען דערמיט. ווען מיר רעדן אין אנהייב די ענין פון תורה, ווי אזוי מען קען זוכה זיין צו כתרה של תורה, און וואס זענען די וועגן אז מען זאל קענען צוקומען דערצו.

### משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע

**מען** לערנט דאך יעצט פרקי אבות, הייבט זיך אן די ערשטע משנה מיט קבלת התורה, משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים, משה רבינו איז געווען דער ערשטער וואס האט מקבל געווען די תורה פונעם אייבערשטן, און ער

האט עס איבערגעגעבן פאר יהושע, און אזוי דור דור ביז היינט, האבען מיר א קבלה און א מסורה פון די תורה הק׳ ביז משה רבינו. און די פשט איז נישט נאר, אז משה רבינו האט גענומען די תורה פונעם הימל, און האט עס איבערגעגעבן פאר יהושע, און יהושע האט עס געגעבן ווייטער, ווי מען נעמט עפעס א חפץ, און מען גיט עס איבער איינער פארן צווייטען, וואס מען האט נישט קיין שייכות מיט דעם וואס האט עס געהאט פריער. משה רבינו האט אויף א געוויסן סיסטעם און אויף א געוויסן וועג מקבל געווען די תורה, און אלעם וואס האט אויסגעפעלט פאר משה רבינו אדורך צוגיין מקבל זיין די תורה, אויף דעם וועג האט ער עס איבער געגעבן פאר יהושע. ער האט געזאגט פאר יהושע, איך האב מקבל געווען די תורה אויף דעם און דעם וועג, איך געב איבער די תורה פאר דיר, און דו וועסט עס איבער געבן אזוי ווייטער. עס איז נישט נאר מען האט מקבל געווען די תורה פון איינעם צום צווייטען, נאר אלע זאכן וואס פעלט אויס צום קנין התורה, אזוי ווי משה רבינו האט עס קונה געווען, אויפ׳ן זעלבן וועג האט ער עס איבערגעגעבן שפעטער פאר די קומענדיגע דורות.

**דער** אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר משה רבינו אין פערציג טאג, משה רבינו איז ארויף געגאנגען אין הימל, פערציג טאג איז ער געווען אויבן, און אין די פערציג טאג האט ער מקבל געווען כל התורה כולו, די גאנצע תורה. נישט נאר דאס וואס מיר האבן היינט, נאר כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, ביז משיח וועט קומען, יעדע זאך וואס עס וועט צוקומען, וואס יעדער תלמיד וועט עפעס מחדש זיין, האט דער אייבערשטער איבערגעגעבן קודם פאר משה רבינו. און משה רבינו האט אין די קורצע צייט פון פערציג טאג, מקבל געווען די גאנצע תורה. מיט דעם האט דער אייבערשטער אונז געלערנט, אז מיר זאלן וויסן, אז טאמער מען איז זוכה, קען זיין די השגה פונעם מענטש בלי גבול, עס האט נישט קיין גרעניץ, און אין א קורצע צייט. מען קען האבן א הצלחה אסאך מאל, אז אין א קורצע צייט קען ער קולט זיין, אריינעמען אין זיך תורה אן א שיעור, וואס מען וואלט נארמאלערהייט נישט געקענט אין אזא צייט מקבל זיין. און משה רבינו האט אזוי מקבל געווען כל התורה כולה אין א קורצע צייט פון פערציג טאג.

## כל אחד יכול לזכות לקנין התורה בזמן קצר

**ווען** מען זאגן דאס איז געווען משה רבינו, ער האט געקענט מקבל זיין אזא השגה, מען געפונט עם שפעטער אויך, שטייט אין מדרש (ילקוט שמואל קכט) דוד המלך איז אמאל אנטלאפן פון שאול המלך, און ער איז געווען איין נאכט ביי שמואל הנביא, און ער האט געלערנט תורה מיט שמואל, שטייט אין מדרש אז דוד המלך האט מקבל געווען תורה פון שמואל אין די איינע נאכט, מה שתלמיד ותיק לערנט אין הונדערט יאר. דאס איז א גוטער תלמיד, דאס מיינט די בעסטע ישיבה בחור, וואס דער תלמיד ותיק קען לערנען, און דארף האבן הונדערט יאר צייט אדורך צו גיין לימוד התורה, דאס מיינט וויפיל מיר קענען זוכה זיין צו לערנען אין אונזער גאנצן לעבן, ימי שנותינו בהם שבעים שנה, האט דוד המלך געלערנט אין איין נאכט פון שמואל הנביא.

**רבי** חיים וויטאל ז"ע האט פארציילט, ער האט אמאל געזען דעם אר"י הק' שלאפן, און ער האט געזען אז די מויל גייט אים בשעת ער שלאפט. ווען ער איז אויפגעשטאנען האט אים דער אר"י הק' געזאגט, אז ער איז געווען יעצט אויבן אין מתיבתא דרקיע, און ער האט געלערנט דארט תורה. האט אים רבי חיים וויטאל געפרעגט צו ער קען אים איבערגעבן די תורה וואס ער האט געלערנט יעצט אין הימל, האט ער אים געזאגט, אפילו איך זאל זיבעציג יאר האלטן אין איין רעדן, קען איך דיר נישט איבער געבן וואס איך האב מקבל געווען אין די שעה וואס איך בין געשלאפן.

## הלומד תורה לשמה נעשה כמעין המתגבר

**וואס** דאס לערנט אונז, אז תורה איז נישט אזוי ווי אלע אנדערע חכמות, וואס וויפיל מען האט אריינגעלייגט ארבעט, וויפיל שעה מען האט אריינגעלייגט, אזוי פיל נעמט מען ארויס דערפון. תורה איז א געוואלדיגע השגה, א געוואלדיגע אור, פון אויבן פונעם הימל, און ווען איינער לערנט תורה לשמה, שטייט אין די משנה (אבות ו-א) ווערט ער כמעין המתגבר, ער קען צוקומען און ווערן ווי א קוואל,

וואס האלט אין איין צוקומען נאך און נאך וואסער, וכנהר שאינו פוסק, ווי א נהר וואס ציט זיך וואסער דערפון און עס ענדיקט זיך נישט, אזוי קען א יוד זוכה זיין צו קדושת התורה. און אזוי האט משה רבינו מקבל געווען די תורה, דער אייבערשטער האט אים געגעבן אזא הארה, וואס אין א קורצע צייט האט ער געקענט מקבל זיין כל התורה כולו.

## קנין התורה בארבעים יום

**שטייט** אין די גמרא (בבא מציעא פה.) אז רב יוסף האט מתפלל געווען, ער זאל זוכה זיין צו תורה. האט ער פערציג טאג געפאסט, אז ער זאל זוכה זיין צו תורה, און ווען ער האט געענדיקט פערציג תעניתים, איז ארויסגעקומען א קול פון הימל, און עס האט אויסגערופן און געזאגט, לא ימושו מפיך (ישעיה נט-כא), האסט זוכה געווען אז די תורה וועט זיך נישט אפטון פון דיין מויל, די וועסט בלייבן שטענדיג אין תורה. האט ער געפאסט נאך פערציג טאג, איז צוגעקומען א קול לא ימושו מפיך ומפי זרעך, פון דיינע קינדער אויך נישט. האט ער געפאסט נאך פערציג טאג, א טייל זאגן הונדערט טאג, איז געקומען א קול לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך. האט ער געזאגט איך האב שוין א הבטחה אויף דריי דורות, יעצט דארף איך שוין מער נישט פאסטן, ווייל די תורה וועט זיך שוין נישט אויפהערן ביי מיינע קינדער.

**זאגט** די מהרש"א וואס איז געווען די ענין פון פערציג טאג וואס ער האט געפאסט, נישט ניין און דרייסיג, און נישט מער. זאגט ער, אזוי ווי משה רבינו איז געווען אין הימל פערציג טאג, און מקבל געווען די תורה, און ער האט פערציג טאג נישט געגעסן און נישט געטרינקען, אזוי האט ער געזאגט לחם לא אכלתי ומים לא שתיתי (דברים ט-ט). כדי מקבל צו זיין די תורה וואס משה רבינו האט מקבל געווען אין די פערציג טאג, עס זאל בלייבן ביי אים, האט רב יוסף געפאסט פערציג טאג, ער האט זיך אויפגעפירט ווי משה רבינו האט זיך געפירט אין הימל. און אויף יעדע פערציג טאג וואס ער האט געפאסט איז צוגעקומען צו אים א ברכה, לא ימושו מפיך, ומפי זרעך, ומפי זרע זרעך.

**זעט** מען פון דעם, אז די פערציג טאג וואס משה רבינו האט מקבל געווען די תורה אין הימל, דאס איז די וועג ווי אזוי די תורה דארף גיין ווייטער אויך. און פונקט ווי משה רבינו האט מקבל געווען אין אזא קורצע זמן אזויפיל תורה, קען יעדער יוד אז ער פירט זיך אויף ערליך און איז זוכה, איז די השגה וואס ער קען האבן אין תורה, זענען מער ווי די מענטשליכע כוחות.

## יגעת ומצאת תאמין

**שטייט** אין די גמרא (נדרים לח:), בתחלה היה משה למד תורה ומשכחה, משה רבינו האט געלערנט תורה און פארגעסן, (ער האט אזויפיל געלערנט אין די פערציג טאג, אז ער האט נישט געקענט אזויפיל חזר'ן ער זאל עס גדענקן), עד שניתנה לו במתנה, ווען ער האט געענדיקט די פערציג טאג, האט אים דער אייבערשטער געגעבן א מתנה, איך געב דיר איבער די גאנצע תורה, און פון דעמאלטס אן האט ער נישט פארגעסן. און אזוי שטייט אין פסוק (שמות לא-יח) ויתן אל משה, דער אייבערשטער האט עס אוועקגעגעבן פאר משה רבינו, ככלותו לדבר אתו, נאכדעם וואס ער האט גענדיקט מיט אים רעדן. קומט אויס, אז משה רבינו האט זיך פערציג טאג געפלאגט אויף תורה, עס גייט נישט, ער פארגעסט, נאכדעם האט מען עס אים אוועקגעגעבן במתנה.

**שטייט** אין עיון יעקב, דער אייבערשטער האט דאך געוויסט אז משה רבינו וועט נישט גדענקן די תורה, און וועט עס אים דארפן אוועקגעבן במתנה, האט ער דאך געקענט געבן די מתנה תיכף, ווען ער קומט ארויף אין הימל, געט אים דער אייבערשטער אוועק במתנה די תורה, פארוואס האט דער אייבערשטער אים געלאזט זיך פלאגן פערציג טאג, און נאכדעם האט מען אים געגעבן די תורה א מתנה. זאגט דער עיון יעקב, דער אייבערשטער האט אונז געוואלט לערנען לדורות הבאים, אז מיר זאלן וויסן, לא יגעתי ומצאתי אל תאמין (מגילה ו:), מען געט נישט קיין בילקעלעך פון הימל, מען געט נישט קיין מתנות, משה רבינו וועט ארויפקומען אין הימל, און מען וועט אים איבערגעבן די תורה, און ער קומט אראפ א תלמיד

חכם, עס איז נישט קיין קאמפיוטער וואס מען לייגט אריין דערין די תורה, ווי א דיסק, און ער האט א תורה, מען געט נישט קיין תורה במתנה.

**לא** יגעתי, אז א מענטש פלאגט זיך נישט אויף תורה, וועט ער נישט געפונען קיין תורה. אבער יגעתי, ווען ער פלאגט זיך אויף תורה, ומצאת, וועסטו געפונען א מציאה. אז מען פלאגט זיך אויף תורה, איז נישט וויפיל ער האט זיך געפלאגט אזויפיל איז ער זוכה, דאס איז נאר א וועג ער זאל קענען באקומען א מציאה פונעם הימל, פאר וויפיל דו פלאגסט דיך אויף תורה וועסטו זוכה זיין שפעטער אז מען וועט דיך געבן במתנה די תורה. משה רבינו האט דער אייבערשטער ארויפגענומען אין הימל, און ער האט פערציג טאג זיך געפלאגט, געפלאגט איז טייטש, נישט געגעסן און נישט געטרינקען און נישט געשלאפן, געזעצן און זיך מעמיק געווען אין די תורה, אז עס גייט נישט, דו האסט געטון דיין יגיעה, האסט דיך געפלאגט, נאכדעם וועט דער אייבערשטער דיר אוועקגעגעבן די תורה, און נאכדעם האט ער עס געטראפן און מקבל געווען במתנה.

## הלומד ואינו מתרפה ניתנה לו במתנה

**און** עס ליגט דערין א געוואלדיגע מוסר השכל, מען איז זיך אמאל מתרשל, מען לאזט זיך אמאל נאך, איך בין נישט מצליח, אזוי טראכט מען ביי זיך, איך בין נישט מצליח, איך האב שוין געלערנט א בלאט און נאך א בלאט, איך האב שוין געלערנט א טאג און נאך א טאג, נאך א חודש, און אסאך מאל א יאר, צוויי יאר, דריי יאר, און איך בין נישט מצליח. ווען ער וועט צוזאם קלויבן וואס קען איך, זעט ער אז דער סך הכל איז זייער ווייניג, און עס צוברעכט אים, און ער פילט וואס האב איך זיך צו פלאגן ווייטער אויף תורה, עס גייט נישט. עס איז אבער נישט ריכטיג, דער אייבערשטער האט אונז געלערנט מיט דעם וואס ער האט איבערגעגעבן די תורה פאר משה רבינו, **משה רבינו האט אויך פארגעסן**, ער איז געזעצן און געלערנט און ער האט פארגעסען, אזוי ווי אונז פארגעסן מיר, אזוי האט משה רבינו פארגעסען וואס ער האט געלערנט. **אבער נאכדעם וואס ער האט נישט**

**נאכגעלאזט**, ער האט געלערנט און אזויפיל געלערנט, און ער האט נישט נאכגעלאזט פון זיין לימוד התורה, און ער פלאגט זיך ווייטער, איך וועל נאכאמאל איבערחזרן און נאכאמאל איבערגיין, **און ער האט זיך מפקיר געווען כדי ער זאל משיג זיין די תורה, איז דער סוף געווען אז ער באקומט עס א מתנה.** וואס מען פלאגט זיך פאר לערנען, אפילו עס קוקט יעצט אויס, אז מען האט זיך געפלאגט און מען האט נישט מצליח געווען. דער פלאג איז נישט לאיבוד, עס איז נישט געגאנגען אומזיסט. דער פלאג וואס דו האסט דיך געפלאגט וועסטו זוכה זיין צו א מתנה.

**מען** זעט אסאך מאל ווי א בלום, עס קוקט אויס ווי א צוזאמגעגאנגענע בלום, און עס קוקט אויס די זעלבע אן קיין שיינקייט, אסאך מאל זעט מען נאך א צוויי דריי טאג, אז די בלום האט זיך געעפענט, און עס איז געווארן גרעסער און נאך גרעסער און נאך שענער. אזוי איז א מענטש אויך, ער איז א בלום, ווי מער וואסער ער וועט לייגען, ווי מער ער וועט זיך פלאגן אויף תורה, אפילו ווען עס דערקענט זיך נישט תיכף, אבער מיט דער צייט וועט ער זען, אז עס עפענט זיך. אז ער וועט קוקן אויפן בלום וואס ליגט אינעם וואסער, און ער וועט קוקן ווען וועט זיך עפענען דער בלום, ער זעט גארנישט. ער קען שטיין און קוקן שעה'ן און שעה'ן, און עס איז גארנישט געטוישט געווארן. א טאג, צוויי, דריי, ער האט עס איבערגעלאזט אזוי, און ער קומט צוריק, זעט ער, אז עס איז א צווייטע סארט בלום. דאס איז דער מענטש אויך, מען זאל נישט מיינען אז מען מוז זען תיכף די פירות דערפון, **מען זעט נישט תיכף די פירות, אבער אז דו פלאגסט דיך אויף תורה, וועט דער סוף זיין אז מען וועט זוכה זיין צוקומען צו כתרה של תורה**, ברבות הימים וועט ער זען די פירות פון דעם וואס ער האט געלערנט.

## הארון והכרובים רומזים על בני הישיבה

**אינעם** בית המקדש, און אין משכן, איז דאך געווען די כלים פונעם משכן, דער אייבערשטער האט געזאגט, מען זאל מאכן א משכן פאר השראת השכינה.

עס איז געווען דער ארון, וואס דארט איז געווען די תורה. נאכדעם איז געווען דער שלחן, די מזבח, און אלע כלים וואס איז געווען אין בית המקדש. די ארון איז אינווייניג געווען אריינגעלייגט די תורה, אויף דעם איז געווען צוויי כרובים, ופניהם איש אל אחיו (שמות כה-כ), איינס איז געווען אקעגן איבער דעם אנדערן, סוככים בכנפיהם, די פליגלן זענען געווען אויסגעשפרייט, און זיי האבן באשיצט מיט די פליגלן, און פניהם איז געווען אל הכפורת, זיי האבן אראפגעקוקט צום כפורת.

**דער** רמז שטייט שוין אין הייליגע ספרים, אז דאס ווייזט, די כרובים האט געהאט די צורה פון רביא, פון א יונג קינד (סוכה ה:), און דער אייבערשטער האט געוויזן, ווי דארף זיין דער מענטש אין די יונגע יארן, ער דארף זיך געפונען אויפ'ן ארון. **ווי איז דיין פלאץ, אין ישיבה.** ווי די תורה איז, דארט בין איך. - און די כרובים זענען געווען איינס אקעגן איבער דעם אנדערן, ופניהם איש אל אחיו, איינער אקעגן דעם צווייטן, **מען דארף לערנען תורה בחברותא.** עס דארף זיין צוויי תלמידי חכמים וואס זענען מחדדין זה את זה, **איינער שטייט אקעגן איבער דעם צווייטן, און אזוי לערנט מען.** - **ווי דארף זיין די קאפ פונעם מענטש בשעת ער לערנט, אל הכפורת יהיו פני הכרובים** (כה-כ), נישט ארויסקוקן, מען בייגט אראפ דעם קאפ צום כפורת, און דארט זאלסטו קוקן, דיין גאנצער עיון זאל זיין אינווייניג אין תורה.

**דער** ארון איז געווען אין קדשי קדשים. אינדרויסן אין די עזרה, איז געווען אסאך ערליי כלים, די שלחן איז געווען אינדרויסן, די מנורה, און די מזבח החיצון, די מזבח הפנימי, אלעס איז געווען אינדרויסן. **דארט ווי דער ארון איז געווען מיט די כרובים, איז נישט געווען גארנישט אויף דער וועלט,** א ליידיגע שטוב. אין קדשי קדשים איז נישט געווען גארנישט, ליידיג. וואס איז געווען אין די ליידיגע שטוב, די תורה מיט די כרובים, **די בחור מיט די גמרא. גארנישט עפעס אנדערש איז דא אין שטוב.** דאס איז די וועג פון תורה, אז מען וויל זוכה זיין צו תורה, דארף א יוד וויסן, אז עס איז נישט דא גארנישט אויף די וועלט, אלע אנדערע זאכן איז נישט נוגע פאר מיר, גארנישט. אין די צייט וואס איך קום אין

ישיבה, און איך לערן, א ליידיגע צימער, איך דארף גארנישט, א טיש מיט א בענקל, מיט די גמרא, מיט שני כרובים, ער מיט זיין חברותא. ופניהם אל הכפורת, אראפקוקען צום כפורת, אזוי זאל מען זיצן און לערנען.

**און** טאמער פירט מען זיך אזוי, און עס טאקע נישט דא עפעס אנדערש, ווען ער זעצט זיך לערנען, פארגעסט ער פון אלעם ארום און ארום, עס אינטערסירט אים גארנישט, עס נישט דא קיין שלחן, **עס איז נישט דא קיין עסן**, קיין **קאווע, עס איז נישט דא קיין בעט, עס איז נישט דא גארנישט. יעצט איז די צייט וואס מען דארף לערנען**, און אין דעם פלאץ וואס ער לערנט לאזט ער גארנישט אריין, דארט איז נאר דא די תורה הק׳, **דעמאלטס איז מען מצליח**. און דאס האט דער אייבערשטער געוואלט ווייזען, ווי ליגט דער ארון, דער ארון ליגט אין קדשי קדשים, אז א מענטש וויל זוכה זיין צו כתרה של תורה, דארף ער וויסן אז ער דארף זיך מפקיר זיין פון אלעם. עס זאל אים נישט אינטערסירן גארנישט, דעם גאנצן קאפ אריינלייגען נאר אין די תורה, אין די שטוב איז נישט דא נאר די כרובים מיטן ארון, דארט איז מען זוכה צו תורה.

**וממדבר** מתנה (במדבר כא-יח), דרשנ׳ט די גמרא (נדרים נה:), וממדבר, ווען איינער מאכט זיך הפקר כמדבר, עס אינטערעסירט אים גארנישט, אלעם איז ביי אים הפקר, מתנה, דער וועט זוכה זיין באקומען די תורה במתנה. ווי מען האט פריער גערעדט, עס איז נישט דא קיין מתנות פון הימל, מען געט נישט קיין מתנות סתם אזוי, אבער ווען דו ביזט דיך מייגע אויף תורה, פלאגסט דיך אויף תורה, דעמאלטס איז אזוי ווי ביי משה רבינו, וואס האט זיך געפלאגט אויף תורה, און ער האט פארגעסן, האט אים דער אייבערשטער נאכדעם אוועקגעגעבן די תורה במתנה, אזוי איז מען זוכה מקבל צו זיין די תורה במתנה.

## היושב ושונה הקב״ה שונה כנגדו

**נאך** געפינט מען ביי די ארון און די כרובים, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, ונועדתי לך שם (כה-כב), איך וועל מאכן דארט א פלאץ פאר

דיר, איך וועל באשטימען דארט א מקום, ודברתי אתך, און איך וועל צו דיר רעדן, מעל הכפורת מבין שני הכרובים. משה רבינו אלעם וואס ער האט מקבל געווען, איז ארויסגעקומען דער קול פון די כרובים. וואס דער רמז דערפון איז, דער אייבערשטער זאגט פאר די כרובים, איר זענט אוועקגעשטעלט אויפ'ן ארון אין קדשי קדשים, איר האט נישט עפעס אנדערש נאר תורה, עס איז נישט דא גארנישט אינעם שטוב, נאר די כרובים מיט'ן ארון. און איר זאלט זיך מפקיר זיין, ופניהם אל הכפורת, די קאפ איז נאר אין תורה, זאגט דער אייבערשטער, ווי עס שטייט אין חז"ל (תדב"א יח), כל היושב ושונה, ווען א מענטש זיצט און לערנט, הקב"ה שונה כנגדו, זעצט זיך צו כביכול דער אייבערשטער, און ער לערנט מיט צוזאמען מיט אים.

**דער** אייבערשטער זאגט ונועדתי לך שם, איך וועל אויך זיין דארט. אויב עס וועט זיין כרובים, וואס וועלן זיך זעצן ביים כפורת. ונועדתי לך שם, וועל איך מיר אויך מאכן מיין מקום דארט, ודברתי אתך מעל הכפורת, און איך וועל צו דיר רעדן פונעם כפורת, מבין שני הכרובים, **צווישן דיר און דיין חברותא**. צווישן די שני כרובים, **וועט זיך כביכול דער אייבערשטער צוזעצן**, און דער אייבערשטער וועט מיטלערנען מיט ענק תורה. און איך מיין, אז א בעסערע חברותא פונעם רבש"ע דארף מען נישט האבן. און אז א יוד איז זיך מפקיר אויף תורה, קומט דער אייבערשטער און געט די תורה במתנה, אז מען זאל האבן א השגה אין וואס מען לערנט, און מען זאל שטייגן אין תורה.

## לא להפריע להקב"ה ללמוד

**איך** האב געזען צוברענגען, אז עס איז געווען איינער וואס איז אויסגעוואקסן א גדול בתורה, א גרויסער מתמיד, און מען האט אים געפרעגט אמאל, ווי אזוי ער האט זוכה געווען, וואס האט אים צוגעברענגט צו דעם, אז ער זאל ווערן אזא מתמיד אין לערנען. האט ער פארציילט, אז ער האט געלערנט אין וואלאזין, און דעמאלטס איז געווען דער בריסקער רב, דער בית הלוי, דער ראש ישיבה, און ער איז געווען א תלמיד דארט אין ישיבה. ער איז געווען א גוטער בחור, א בעל כשרון,

אבער ער האט נישט געהאט קיין חשק צו לערנען, און ער האט זיך ארומגעדרייט. און דער בית הלוי פלעגט אים שטענדיג מוסר צו זאגן, ווי דער סדר איז, פארוואס ער לערנט נישט, און ארויסגעברענגט די חשיבות פון לימוד התורה, און התמדת התורה. האט ער געזאגט, אבער וואס זאל איך טון אז די יצר הרע איז ביי מיר שטערקער, און איך האב מיך נישט געקענט מתגבר זיין, און איך האב נישט געהאט קיין חשק צו לערנען.

**איין** נאכט גייט אדורך דער בית הלוי, און ער זאגט אים אזוי, מיט א קול תחנונים, ווייסט דאך וואס עס שטייט אין חז"ל, כל היושב ושונה הקב"ה שונה כנגדו, אז מען זיצט און מען לערנט, לערנט דער רבש"ע אקעגן אים. האט ער געגעבן א געשריי און געזאגט, **ממילא דו ווילסט נישט לערנען, נא, אבער פארוואס ביזטו מונע דעם רבש"ע פון לערנען**. אז דו ווילסט נישט לערנען, ווילסטו נישט לערנען. אבער פארוואס שטערסטו די שכינה, אז די שכינה זאל נישט מיטלערנען מיט דיר. זאגט ער, די נאכט האב איך שוין נישט געקענט שלאפן, איך האב מיך געוואלגערט אין בעט, עס האט ביי מיר געמאכט א געוואלדיגע פעולה, און איך האב מחליט געווען, ניין, איך וויל נישט זיין דער וואס וועגן מיר וועט דער אייבערשטער נישט לערנען, דער רבש"ע קומט מיט מיר לערנען, איך וועל מיך צושטעלן דערצו, אדרבה איך וויל נעמען א חברותא דעם אייבערשטען צוזאמען, ער זאל קענען מיט מיר לערנען. און די ווערטער האבן דעמאלטס עושה רושם געווען אויף אים אז ער איז נשתנה געווארן, און געווארן א מתמיד אין תורה.

## קוב"ה חדי בפלפולי דאורייתא

**און** מ'קען צוגעגעבן צו דעם נאך מער, עס איז דא א גמרא (חגיגה ה:), כל מי שיכול לעסוק בתורה, אז א מענטש קען עוסק זיין אין תורה, ואינו עוסק, און ער איז נישט עוסק אין תורה, הקב"ה בוכה עליו, כביכול דער רבש"ע וויינט אויף אים. ווען איינער קען לערנען, און ער ניצט נישט אוים די צייט פאר לימוד התורה, שטייט אין די גמרא אז דער אייבערשטער וויינט פאר אים. א מענטש דארף זיך מאכן א

חשבון, **פארוואס זאל דער רבש״ע וויינען וועגן מיר**. ממילא ער געט נישט אכט אויף זיין הצלחה, עס אינטערעסירט אים נישט ער זאל שטייגען, נא, איז ער דאך א בעל הבית אויף זיך, וועט ער אויך אפגעבן דין וחשבון. אבער פארוואס זאל ער גורם זיין אז די שכינה זאל דארפן וויינען, אז די שכינה זאל נישט קענען הנאה האבן פון אים. א יוד איז זיך מתבונן אז די שכינה איז שונה כנגדו, אז מען איז זוכה צו תורה איז די שכינה אקעגן אים, כביכול ער איז משמח דעם אייבערשטען, קוב״ה חדי בפלפולי דאורייתא. און פארקערט ח״ו, מאכט ער דעם רבש״ע זאל זיין בוכה עליו, דארף עס אים מעורר זיין, ער זאל מקבל זיין אויף זיך דעם עול התורה.

## הלימוד בחברותא

**מיט** א חברותא איז זייער וויכטיג צו לערנען, טרעפן זיך א גוטן חבר מיט וועם צו לערנען, **א גוטער חבר מיינט נישט אז ער מוז זיין בעסער פון אים אין לערנען**, אסאך מאל איז דא, אפילו מיט א שוואכערן חברותא וואס ער דארף עס מסביר זיין, און איבערגעבן אויך פאר׳ן חבר, קען מען אסאך מאל זייער אסאך אנקומען, אבער מען זאל אליין פרובירן צו פארשאפן זיך א חברותא צו לערנען. מען זעט ביי די כפורת איז געווען די שני כרובים, ופניהם איש אל אחיו, איינער זאל מכבד זיין דעם אנדערן. די גמרא (תענית ז.) דרשנ׳ט חרב על הבדים ונואלו (ירמיה נ-לו), חרב אויף די וואס לערנען תורה בבד בבד, ער לערנט תורה אליין, ולא עוד אלא שמטפשין שנאמר ונואלו, אז מען לערנט מיט א חברותא און מען האט א גוטע חברותא, קומט מען צו, צו קלארקייט אין דעם וואס מען לערנט.

## אהבה ויראה תרי גדפין

**תורה דארף מען לערנען ערליך**, מיט אהבת ה׳, מיט יראת ה׳. שטייט אין זוהר הק׳, אהבה ויראה דאס איז תרי גדפין, צוויי פליגלען, וואס טוען ארויפטראגען די תורה. מען זעט אז א עוף קען נישט פליען נאר אז ער האט צוויי פליגלען, אן די פליגלען קען ער נישט פליען. א יוד לערנט תורה און ער וויל די תורה זאל ארויפקומען אויבן, איז די אהבה מיט יראה, די צוויי פליגלען וואס טוען ארויפברענגען די תורה

אויבן אין הימל. און דאס איז די רמז, סוככים בכנפיהם, די צוויי כרובים זענען געווען אויסגעשפרייט מיט די פליגלען, דאס האט געוויזן אויף דעם, אז די תורה דארף זיין מיט גדפין, לערנען תורה ערליך, פירן זיך ערליך, אפגעהיטען זיין פון וואס מען דארף זיין אפגעהיטען, און אזוי זאל מען זיצן און לערנען תורה.

## מברכות צדיק לבד אינו מתגדל לתורה

**איך** האב עס שוין אמאל נאכגעזאגט, איך וועל עס אבער נאכאמאל נאכזאגן, איך האב געזען שטיין פונעם סטייפלער, ווען עס פלעגן קומען בחורים צו אים בין הזמנים, ער זאל זיי אנוואונטשן זיי זאלן האבען א ברכה, אז זיי זאלן שטייגן אין תורה. פלעגט ער צו זאגן, איך בענטש דיר מיט'ן גאנצן הארץ אז די זאלסט מצליח זיי אין תורה, און דו זאלסט האבן א געוואלדיגע הצלחה. אבער דו דארפסט וויסן איין זאך, אז נישט פון ברכות ווערט מען א גדול בתורה. **נישט ווייל דו האסט באקומען א ברכה פון רביין, פון א צדיק, פון דעם וועסטו אויסוואקסן צו זיין א גדול בתורה.** עס איז נאר דא איין עצה, צו שטייגען אין תורה, זיך פארנעמען נישט אנצוברענגען קיין צייט, זיך מתרחק זיין פון ליידיג גיין. פון נישט טון גארנישט, זאל מען זיך מתרחק זיין. און אויסנוצען די גאנצע צייט וואס מען האט אויף תורה.

**און** ער האט ווייטער געזאגט, עס איז נישט קיין נפקא מינה אין וועלכע ישיבה דו וועסט גיין, נישט די ישיבה איז קובע די הצלחה פונעם בחור. נאר עס איז תלוי אין אים, אין זיין פלייסיג לערנען, אין זיין שקידת התורה. וועסטו זיין א שקדן בתורה, דו וועסט פלייסיג לערנען. ווי דו וועסט נאר אנקומען, און דו וועסט וועלן לערנען, און דו וועסט לערנען פלייסיג, וועסטו מצליח זיין. אז דו וועסט אנברענגען די צייט, וועט דיר גארנישט העלפן אז די ישיבה האט א גוטען נאמען, מיט דעם וועסטו נישט מצליח זיין.

## כמה שעות צריך בחור ללמוד

**און** ער האט ממשיך געווען און געזאגט אזוי, איך וועל דיר געבן א סדר איבערן טאג ווי אזוי עס דארף אריבערגיין. עס איז דא פיר און צוואנציג שעה אין טאג.

פון דעם דארף אראפגיין אכט שעה אויף שלאפן, אז מען וויל זיין באמת אויסגערוט, דארף מען האבן בערך אכט שעה צו שלאפן. ווי אזוי מען זאל שלאפן די אכט שעה, האט ער געזאגט ווייטער, איז יעדער מענטש אנדערש. עס איז דא וואס דארפן האבען די אכט שעה פון שלאפן אויף איין מאל, מ'לייגט זיך אראפ ביינאכט און מען שטייט אויף, און בייטאג דארף ער זיך נישט אפרוען. און עס איז דא אמאל וואס עס איז גוט אז מען טיילט איין די שעה'ן פון שלאף, ביינאכט שלאפט ער זעקס שעה, זיבן שעה, און ער איז משלים די איבריגע בייטאג. אבער עכ"פ מען טאר נישט מזלזל זיין בשינה, ער דארף זיך אויסשלאפן, כדי ער זאל האבן א רואיגע קאפ צו לערנען.

**אויב** ער שלאפט אכט שעה א טאג, איז אראפגעגאנגען אכט שעה. פאר'ן דאווענען גייט אוועק נאך צוויי שעה איבערן טאג, שחרית מנחה און מעריב, איז בערך א חשבון פון נאך צוויי שעה. איז צען שעה אראפגעגאנגען. נאכדעם זאגט ער, דארף מען האבן צוויי שעה פאר עסן, מען מיינט נישט עסן צוויי שעה, נאר עסן מיינט צו זאגן אלע זייטיגע צרכים וואס א מענטש דארף האבן, און ערלעדיגן אלעם וואס ער דארף לצרכי גופו, דארף נעמען פאר א מענטש בערך נאך צוויי שעה. סך הכל, פון פיר און צוואנציג שעה פונעם טאג, גייט אוועק צוועלף שעה. אכט שעה פאר שלאפן, צוויי שעה פאר דאווענען, נאך צוויי שעה פאר אלע צרכי גופו. און צוועלף שעה בלייבט ליידיג מען זאל קענען זיצן און לערנען תורה.

**א** בחור האט נישט קיין שום דאגות, קיין שום ענינים. ער דארף זיך נישט זארגן פאר פרנסה, ער דארף נישט חתונה מאכן קיין קינדער, ער דארף זיך נישט דרייען מיט קיין חובות, ער האט גארנישט נאר צוועלף שעה וואס איז ליידיג אויף לימוד התורה. אויב מען זיצט און מען לערנט צוועלף שעה א טאג מיט א חבר, און מען ברענגט נישט אן קיין צייט, קען מען אין א זמן אדורכלערנען די גאנצע מסכתא וואס די ישיבה לערנט אין איין זמן. **מיט צוועלף שעה א טאג לערנען, קען מען גומר זיין די גאנצע מסכת**, און עס איבער חזרן אפאר מאל אויך, אפילו ער וועט נישט קענען לערנען יעדן תוס', זאל ער לערנען דעם רא"ש וואס איז דא אויף די

גמרא, וואס איז גרינגער פונעם תום׳. און במשך פון א זמן, קען מען האבן א ידיעה אין די גאנצע מסכת.

## ללמוד ב׳ מסכתות בזמן

**עס** איז דא גענוג צייט - און אז ער האט עס געזאגט האט ער עס אויסגערעכנט - עס איז דא גענוג צייט אין די צוועלף שעה, אז מען זאל איבערגיין יעדע בלאט גמרא פיר מאל איבערצולערנען, וועט ער עס קענען גוט, און ער וועט נאך האבן צייט עס איבער צו חזר׳ן אויך אפאר מאל, ווען ער ענדיגט א פרק, איבערגיין דעם פרק נאכאמאל, אזוי וועט ער קענען ענדיגן די מסכת.

**עס** איז דא צייט צו לערנען בקיאות א צווייטע מסכת, אפילו א גרינגע מסכת, סדר מועד. נעמען א מסכת אויסער די סדר פון די ישיבה, און דאס זאל מען צו לערנען אין די זייט. אז א מענטש מאכט זיך אזא חשבון, זאגט ער, מיט אזא סדר הלימוד, וועט ער אין די זעקס יאר וואס א בחור געפונט זיך אין ישיבה, בערך, פון די בר מצוה ביז ווען ער האט חתונה, קען א בחור האבן ידיעות אין מועד און נשים און נזיקין. יעדן זמן צוויי מסכתות, א יאר פיר מסכתות, און אין משך פון די יארן פון די ישיבה קען ער האבן א ידיעה אין דריי סדרים, אז ווי מען וועט אים פרעגן וועט ער קענען ענטפערן וואס די גמרא רעדט. דאס איז אבער נאר ווען ער לערנט צוועלף שעה, אויב פון די צוועלף שעה ווערט נאר זעקס שעה, קען ער נאר די העלפט. פון צוועלף שעה לערנען, קען מען אנקומען, אז מען זאל קענען די גאנצע.

**האט** ער צוגעגעבן, אז די אייבערשטער העלפט, און נאכדעם איז מען ווייטער ממשיך אין תורה, אין נאך פיר יאר, קען מען קענען זרעים און קדשים און טהרות. **און מען קען אין צען יאר וואס מען לערנט פלייסיג, קענען גאנץ ש״ס**, כל התורה כולו. און אזוי זענען אויסגעוואקסן די אמאליגע גדולי ישראל.

**דאס** איז ווען מען לערנט פלייסיג, צוועלף שעה א טאג. וועלן מיר מאכן די חשבון - איך זאג אלעס נאך וואס דער סטייפלער האט געזאגט - ווען מען לערנט נאר

אכט שעה, ווי אן ארבייטער וואס גייט אריין אין ביזנעס אכט שעה, גייט ער אין ישיבה פאר אכט שעה. בלייבט איבער פיר שעה וואס עס גייט אוועק ליידיג. וואס מיינט ליידיג, זאגט ער, אביסל צייט ברענגט ער אן צו שפילן שך, אביסל צייט אויפ'ן טעיפ ריקארדער, און דעמאלטס איז געווען רעקארד פלעיר, א פאטיפאן האט מען עס גערופן. און ער האט צוגעגעבן, די פאטיפאן דריידט זיך און ער פארדרייט זיך זיין לעבן דערמיט, אזוי ווי אלע זאכן וואס דרייען זיך. ער דרייט זיך מיט, זיין גאנץ לעבן ווערט מיטגעדריידט צוזאמען, אביסל צייט געט ער אוועק פאר'ן צייטונג, אביסל רעדט מען מיט די חברותא פאליטיק, ער צופאטשקעט פיר שעה יעדן טאג.

## אם תעזבני יום יומיים אעזבך

**און** אז מען צופאטשקעט פיר שעה יעדן טאג, אם תעזבני יום יומיים אעזבך, וויפיל א מענטש גייט אוועק פון תורה, טוט אים די תורה פארלאזן אויף א דאפעלטע צייט, קומט אוים ער נעמט אוועק פיר שעה פון תורה, איז פון די פיר שעה ווערט נאכדעם אכט שעה, קומט אוים וויפיל ער האט געלערנט אין די אכט שעה וואס ער האט געמיינט אז ער גייט פארדינען פון די אכט שעה, פארלירט ער אז די תורה לאזט אים אויך איבער אכט שעה. דאס איז אלץ ווייל מען לערנט נישט ווי אזוי עס באדארף צו זיין. די עצה אז מען וויל אויסוואקסען א גדול בתורה איז, נעמען אויף זיך צוועלף שעה צו לערנען, א בחור זאל זיך מאכן א חשבון וועט ער זען, אז פון די פיר און צוואנציג שעה אין טאג, האט ער באמת צוועלף שעה צייט צו לערנען. די וואך האט זיבן טאג, נישט אזוי ווי היינט וואס די וואך האט נאר פינעף טאג, און די פרייטאג און שבת ווערט צוגאנגען. מען רעדט אז מען נוצט אוים די פרייטאג'ס, די לאנגע פרייטאג'ס, און שבתים, און מען לערנט, אזוי איז מען מצליח און מען שטייגט אוים, און מען קען צוקומען צו הצלחה אין תורה.

## ללמוד מסכת חוץ לזמני הישיבה

**און** איך וואלט מציע געווען פאר יעדן איינעם, אז אויסער די סדרים פון די ישיבה, די סדרים פון די ישיבה דארף מען דאך נישט זאגן, אז יעדער בחור דארף

מיטהאלטן יעדע סדר פון ישיבה. נישט זיין קיין חכם, און ווען לערנען עפעס אנדערש. וואס מען לערנט זאל ער לערנען, און קענען און מצליח זיין. אבער די סדרים אין ישיבה ווערט צוגעשטעלט בדרך כלל, אז אפילו א שוואכע בחור זאל אויך קענען מיטהאלטן, קען מען נישט מאכן די סדרים אזוי גרויס און אזוי ברייט, ווייל מען וויל דאך אז יעדער זאל קענען מיטהאלטן. אבער יעדע בחור פאר זיך, איז נישט קיין ספק, אפילו א שוואכע בחור, קען טרעפן גענוג צייט אין משך פון די וואך, ער זאל קענען אויף זיך נעמען נאך א מסכת צו לערנען, אויסער די סדרים פון די ישיבה. ער האט צייט צופרי ווען ער שטייט אויף, פאר'ן דאווענען, נאכ'ן דאווענען, פאר'ן פרישטאג, נאכ'ן פרישטאג, פאר'ן מיטאג, נאכ'ן מיטאג, פאר'ן נאכטמאל, נאכ'ן נאכטמאל, די נעכט ווען מען גייט אוועק פון ישיבה. נישט אכט שעה געט מען אים צו שלאפן, כמעט עלף צוועלף שעה. פון ווען ער גייט ארויס פון ישיבה, אכטע ביינאכט ביז זיבן אינדערפרי, איז זייער אסאך שעה'ן. און אז מען האט נישט קיין סדר צו לערנען, צוגייט די שעה'ן, עס בלייבט דערפון גארנישט. אבער טאמער ער ווייסט ער דארף דעקן א מסכת צו לערנען, נוצט ער עס אויס.

**מען דארף יעדן טאג לערנען איין בלאט גמרא, אויסער די סדרים פון ישיבה.** א בלאט גמרא. איך זאג נישט אז מען דארף עס לערנען מיט תוס', אבער גמרא רש"י קען יעדער אנקומען. **איך וואלט מציע געווען מען זאל אנהייבן מסכת ברכות**, עס איז נישט קיין שווערע מסכת, עס איז א גרינגע מסכת, אפילו מען האט עס געלערנט זאל מען עס איבערגיין. פינף טאג איז דא אין די וואך, פינף בלאט גמרא. פרייטאג שבת זאל ער איבערגיין און זען צו קענען ענדיגן. ביז דריי חדשים האט ער געענדיגט די גאנצע מסכת. ער זאל יעדן טאג לערנען א בלאט גמרא.

**עס** איז אמאל געווען שווער צו לערנען א בלאט גמרא, און דער אייבערשטער האט געהאלפן ברוך ה' מען האט גרינג געמאכט דאס לערנען, די בלויע גמרא, די רויטע גמרא, די גרינע גמרא, נישט קיין חילוק ווי אזוי דאס איז, מען האט גרינג

געמאכט דאס לערנען. ער האט נישט קיין חברותא מיט וועם ער זאל קענען לערנען, ער האט נישט וועם צו פרעגן, ווען מיר זענען געווען יונגע בחורים האבן מיר נישט געהאט ווי אריינצוקוקען, מיר האבן נישט געהאט וועם צו פרעגן, מען האט זיך געקענט מיטשענען אויף א שורה גמרא א האלבע שעה, ביז מען האט געקענט צוזאם שטעלען די קשיא מיט די תירוץ. אבער היינט איז גרינג, ווען מען וויל נאר עפעס פארשטיין, איז דא ווי מען זאל נאכקוקען, און מען קען גרינג אפלערנען. נעמען אויף זיך צו לערנען מסכת ברכות פינף בלאט גמרא.

## פרק משניות ליום

**אויב** איינער שפירט אז עס איז אים שווער צו לערנען גמרא, **זאל ער נעמען יעדן טאג א פרק משניות**, אנהייבן ביי מועד, א פרק משניות, נישט זאגן נאר לערנען, לערנען איין פרק נאכן צווייטן פרק, און קענען וואס מען לערנט. מסכת שבת האט פיר און צוואנציג פרקים, אין פיר און צוואציג טאג האט ער געענדיגט מסכת שבת, מסכת עירובין האט צען פרקים, אין צען טאג דארף ער עס ענדיגן, פון יעדן טאג ענדיגן א פרק ענדיקט ער סדר מועד און אזוי ווייטער. איך האב אנכאפט סדר מועד ווייל דאס איז די גרינגסטע, אז ער זאל זיך קענען צוגעוויינען צו גיין ווייטער.

## להתרחק מחבר רעה

**חברותא**, מען זאל זיך דערווייטערן פון א שלעכטע חברותא, **די ערגסטע פאר א בחור איז א שלעכטער חבר**. חברותא, אדער דערהייבט עס א בחור, אדער פירט עס אים אין שאול תחתית. דער בעלזער רב זי"ע פלעגט צו זאגן, יעדן טאג איז מען מתפלל ביי ברכת השחר, און מען בעט אז דער אייבערשטער זאל נישט צוברענגען יצר רע עין רע פגע רע, אלעם וואס איז אויסגערעכנט דארט, עס איז דא צוויי יהי רצון'ס, און אויף 'חבר רע', האט ער געזאגט, ווערט דערמאנט צוויי מאל. ביים ערשטע יהי רצון און ביים צווייטן יהי רצון. עס איז נישט דא נאך א זאך וואס מען בעט צוויי מאל דערויף, אויף א שלעכטן חבר בעט מען צוויי מאל.

## מה נקרא חבר רעה

**אז** מען וועט פרעגן וואס מיינט א שלעכטער חבר, און וואס מיינט א גוטע חבר, **זיך חבר'ן נאר מיט איינעם וואס דו ווילסט געוואלט אויסוואקסן אזוי ווי ער**, דו קוקסט ארויף אויף אים, איך וואלט געוואלט זיין אזוי ווי דער בחור איז, דאס הייסט א גוטע חבר. א חבר וואס דו וואלסט נישט געוואלט אויסקוקן אזוי ווי ער קוקט אויס, דאס ווערט אנגערופן א חבר רע. אז דו ווילסט נישט זיין אזוי ווי ער, אז דו וועסט דיך חבר'ן מיט אים, וועט די סוף זיין אז דו וועסט פאלן, מען דארף אייביג זיכן א בעסערע חברותא ווי ער איז אליין, נישט קיין שוואכערן. איך מיין נישט צו זאגן אז מען מעג נישט רעדן צו אים, מען מעג רעדן, מען דארף גריסן, און מען דארף זיך אויפפירן ארענטליך איינער מיטן צווייטן, אבער מען רעדט פון נעמען א חבר וואס מען זאל זיין צוגעבינדן איינער מיטן צווייטן, דארף זיין אזא חבר וואס מען זאל ארויפקוקן אויף אים, וואס ער זאל וועלן זיין אזוי ווי ער איז.

## כח התפלה

**דאווענען**, כח התפלה איז זייער גרויס, און מען דארף האבן די כח התפלה. די גמרא (מגילה ו:) זאגט, אז פלאגן זיך אויף לערנען נוצט נאר אז מען זאל קענען לערנען. אבער אז מען זאל געדענקן לערנען, דארף מען האבן סייעתא דשמיא. **אז מען זאל שטייגן אין תורה דארף מען מתפלל זיין**, און בעטן פונעם אייבערשטן. וועלכע זאך דארף דען נישט האבן קיין תפלה, יעדע זאך דארף האבן תפלה, און אלעס קען מען פועל'ן ביים אייבערשטן מיט תפלה, מען דארף מקבל זיין אויף זיך צו דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען.

**זמן** תפלה. יעדער איז אין א ישיבה, און עס איז דא א סדר פון זמן תפלה, עס איז נישט דא קיין שום סיבה פארוואס ער דארף אריינקומען פינף מינוט שפעטער פונעם זמן תפלה. פארוואס. עס מאכט זיך אמאל א אונס, איך רעד נישט פון א אונס וואס האט זיך געמאכט, אבער נארמאל, בחורים אסאך מאל שטעלן זיך אויס מעיקרא זייער סדר, ער האט צייט אריינצוקומען צען מינוט שפעטער, ער האט צייט

אריינצוקומען אין מיטן קרבנות, ער קען אריינקומען ביי הודו, אין אמאל מאכט ער זיך אפ אז אפילו ביי אשרי איז גענוג גוט אריינצוקומען, ער וועט שוין אניאגן דאס דאווענען. דאס איז נישט קיין דאווענען.

## לכוין פירוש המילות

**ווי** עס איז דא א זמן תפלה, איז אויסגעשטעלט די זמן מיט די מינוטען, מען זאל קענען דאווענען מלה במלה, און אזוי דארף מען זיך צושטעלען **דאווענען ווארט ביי ווארט**. ער דארף זיך נישט יאגן ביים דאווענען, ווי יאגסטו דיך, ווי איילסטו דיך, פארוואס זאל מען נישט דאווענען ווי מען דארף צו דאווענען, **מכוין זיין פירוש המילות**. אפילו עס איז שווער מכוין צו זיין פירוש המילות פון אנהייב דאווענען ביז סוף דאווענען, זאל ער נעמען אויף זיך עכ"פ א חלק פונעם תפלה, אנהייבן מיט א חלק. פסוקי דזמרה דאווענען מיט כוונה, ברכת יוצר אור וועל איך דאווענען מיט כוונה, שמונה עשרה מיט א כוונה, אפילו עס איז אים שווער צו קאנצעטרירן א גאנצע דאווענען, דארף מען זיך צוגעוויינען דערצו.

## לתקן המידות הרעות

**א** בחור דארף זיין א עובד ה', לייג מיר אין דער זייט דאס לערנען, דינען דעם אייבערשטען, מתקן זיין זיינע מידות, **מיר זענען אלע געבוירן געווארן מיט פארפוילטע מידות**, לאמיר זיך נישט נאר'ן, **און ווי לאנג מען ארבעט נישט אויף זיך, גייט עס נישט אוועק פון זיך אליין**. עס איז קיינער נישט געבוירן געווארן מיט אויסגעארבעטע מידות, איינער איז געבוירן געווארן מיט א געוויסע מדה בעסער ווי א צווייטן. אבער יעדער איינער האט אין זיך שלעכטע מידות, און ער דארף ארבעטן דערויף.

**א** מענטש איז בטבע א כעס'ן, ער בייזערט זיך, אפילו ער איז א גוטער, א פיינער, נעמט עס לענגער ביז מען נעמט אים ארויס פון די כלים. אבער עס איז דא וואס מען נעמט אים אויך ארויס פון די כלים, און מען ווערט אין כעס. ער בייזערט זיך, און

דאס גייט נישט אוועק נאר מיט הארעוואניע. **אפילו עס קומט אן א צייט וואס ער דארף זיך בייזערן, האלט ער זיך צוריק,** ער ענטפערט נישט, און ער האלט עס ביי זיך, ער דארף לערנען ספרי מוסר דערויף.

## ויגבה לבו בדרכי ה׳

**גאות,** ויגבה לבו בדרכי ה׳ איז גוט, **ער וויל זיין די בעסטע בחור אין ישיבה, יא, אויף דעם זאל ער שטרעבן,** ער זאל ארבעטן דערויף, אבער גאות וואס עס איז דא, עס פאסט אים נישט צו טון דאס, און עס פאסט אים נישט צו טון א צווייטע זאך וכדומה. און עס וואקסט מיט אים מיט. היינט האט ער נארישע גאות, ער וועט ווערן עלטער וועט ער האבן בעסערע קוואלעטי גאות פון העכערע זאכן. אבער עס גייט נישט אוועק פון זיך אליין, **און מען דארף ארבעטן און הארעווען דערויף אז עס זאל אוועקגיין די שלעכטע מידות.**

## אונאת דברים

**זיך היטן די דיבור, זאגן פאר א חבר אווארט וואס טוט אים וויי, איז א לאו אין די תורה,** לא תונו איש את עמיתו. מען רעד נישט פון מכנה זיין שם לחבירו, זאגן פאר יענעם א כינוי, נאר סתם זאגן אמאל א ווארט וואס האט יענעם וויי געטון, איז מען עובר א לאו אין די תורה. אכט געבן דאס מויל זאל זיין ריין פון לשון הרע, רכילות, שקר, ניבול פה, און די אלע זאכן. מען דארף הארעווען דערויף, עס קומט נישט פון זיך אליין, און דאס איז טייטש א עובד ה׳, ער נעמט אויף זיך דינען דעם אייבערשטען, איך גיי זיך אויסארבעטן מיינע מידות, זיך צופירן ווי דער אייבערשטער וויל אז א יוד זאל אויסקוקען.

## ללמוד בכל יום ספרי מוסר וחסידות

**און** דאס קומט נאר פון לערנען ספרי מוסר, **מען דארף יעדן טאג האבן א שיעור אין א מוסר ספר, איך וואלט מציע געווען פאר א מוסר**

ספר, **די גרינגסטע צו לערנען איז 'מסילת ישרים'**, דאס איז פון די גרינגסטע ספרים וואס נעמט ארום אלע סארט מוסר.

**חסידישע** ספרים העלפט אסאך צו דערוואַרעמען א יוד צו עבודת ה', **עס זאל נישט אדורכגיין א טאג וואס מען זאל נישט האבן א שיעור, אדער אין א מוסר ספר אדער א חסידיש ספר.** מען זאל זיך קובע זיין א געוויסע ספר אין וואס ער זאל לערנען. **צווישן די חסידישע ספרים האלט מען, אז באר מים חיים אדער מאור ושמש איז די גרינגסטע** וואס מען זאל קענען אריינקומען דערין, אז מען זאל פארשטיין וואס מען לערנט. **און איך וואלט מציע געווען אז די שיעור פון ספרי מוסר זאל זיין אליך פאר'ן דאווענען**, אדער פאר'ן דאווענען צופרי, אדער ביינאכט פאר מעריב אדער מנחה, און מען זאל זיך שטעלן דאווענען נאכדעם. אז מען לערנט מוסר איז א מענטש אביסל אנדערש, אז מען לערנט א חסידיש ספר, נאכדעם שטעלט ער זיך דאווענען, סיי די מוסר מאכט ביי אים א גרעסערע רושם, און סיי די תפלות נאכדעם טוט אים דערהייבן.

## לא לדבר לפני התפלה

**און** בכלל אז מען וויל זיך אויסלערנען דאווענען, איז גוט אז מען איז מקבל אויף זיך **א האלבע שעה פאר'ן דאווענען זאל מען נישט רעדן עפעס אנדערש נאר תורה,** עס האט אין זיך זייער אסאך מעלות. ווייל געוועהנליך וואס מען קומט נישט בייצייטנס צום דאווענען, און די קאפ ליגט נישט ביים דאווענען, איז ווייל מען האט גערעדט פארדעם. אז מען שמועסט פארדעם, איז דער קאפ אוועקגעגאנגען פון תפלה. און אז מען דארף זיך נאכדעם שטעלן דאווענען קומט עס אן שווערער. אז מען שמועסט ווערט מען פארצויגן פון איין שמועס צום צווייטן שמועס. אבער אז מען איז מקבל אויף זיך, אז מען רעדט נישט א האלבע שעה פאר'ן דאווענען, אדער עכ"פ א פערטל שעה פאר'ן זמן תפלה, וועט ער זען אז ער וועט זיין בייצייטנס ביים דאווענען, און דאס דאווענען שפעטער וועט זיין מיט א געהעריגע כוונה.

## להפקיר עצמו על דברי תורה

**כך** היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן, וחיי צער תחיה, אם אתה עושה כן אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא, עס איז א משנה פשוטה (אבות ו-ד), עס איז נישט דא קיין צוויי דעות דערין. תורה מיט תענוגים גייט נישט צוזאמען. וואס דער פשט איז נישט, אז מען זאל אין אונזערע צייטן זיך מסגף זיין פאר תורה, דאס וועט מען באלד רעדן דערפון. דער עצם געדאנק פון די משנה איז, **עס זאל דיר גארנישט שטערן ביי לימוד התורה**. עס איז דא בחור וואס עס שטערט אים ער האט נישט זיין בענקל, ער האט נישט געהאט זיין מיטאג היינט, זיין פרישטאג האט ער נישט געהאט, צו זיין בעט איז נישט געווען געהעריג, און דער בענקל שאקעלט זיך וכדומה, און ער קען נישט לערנען, עס שטערט אים פון לערנען. אויף דעם זאגט די משנה, אז א מענטש דארף זיך מפקיר זיין פאר תורה, עס נישט קיין חילוק וואס עס איז געווען דיין פרישטאג היינט, עס איז נישט קיין נפקא מינה וואס דיין מיטאג איז געווען, צו דו ביזט געשלאפן ביינאכט צו נישט, אלעם דארפסטו אוועקגעבן צוצוקומען צו תורה.

## לעבוד על תאות האכילה

**אבער** אין הייליגע ספרים שטייט, ווי מער א מענטש געט זיך נאך די תענוגים, קען ער זיך נישט מפקיר זיין פאר תורה. עד שאתה מתפלל שיכנסו דברי תורה בפיך, תתפלל שאל יכנסו מעדנים לתוך פיך (תוס׳ כתובות קד.). פאר יעדע קענדי וואס מען עסט, גייט ארויס א תוס׳. עס איז פארבינדן איינס מיטן אנדערן, **מעדנים מיט גמרא תוס׳ גייט נישט אין איין כלי**. פונקט ווי פייער און וואסער קען נישט אריינגיין אין איין כלי, גייט דאס אויך נישט אריין אינאיינעם. און מען דארף זיך געוויינען צוביסלעך, זיך נישט נאכצוגעבן אלע תענוגים. מען מוז נישט עסן אלעם וואס איז דא צובאקומען אין געשעפט, וואס ער האט ליב צו עסן. וואס ער האט נישט ליב, דארף מען דאך נישט זאגן, וועט ער דאך ממילא נישט קויפן. מען רעדט פון אלעם וואס עס איז דא אין געשעפט, און ער האט ליב צו עסן, מוז ער נישט אלעם עסן. וואס מען ליגט אראפ אויפ׳ן טיש אין ישיבה, מוז ער אויך נישט אלעם טועם זיין.

**מען** דארף זיך מאכן גדרים, זיך קענען צוריקהאלטן. וואס דער סדר דערפון איז, פון ציט צו ציט, **יעדע וואך, זאל ער זיך מונע זיין פון איין געוויסע מאכל נישט צו עסן**, מען רעדט נישט וואס מען דארף צום געזונט, מען רעדט וואס מען עסט מותרות. די וואך עסט ער נישט קיין פאטעיטא טשיפס, (דער וואס עסט יא), אדער די וואך עסט ער נישט קיין טשאקאלאדע, די וואך עסט ער נישט קיין קענדי, די וואך וועט ער נישט עסן דעם צושפייז וואס איז דא, פרובירן ביי זיך, א מענטש קען זיך נישט מונע זיין אויף איינמאל פון אלע תענוגים נישט צו עסן, אבער פון איין מאכל זיך אפצוהאלטן, איין וואך טרינקט ער נישט קיין קאלירטע סאדע, דאס קען מען זיך צוריקהאלטן. מען געוויינט דעם גוף אז מען דארף נישט אלעם האבן, און מען דארף זיך נישט נאכגעבן אלע תענוגים, און ווי מער א מענטש טוט אינטערדרוקן דעם גוף וועט מער לייכטן זיין קאפ אין תורה.

## בימי הבחרות תלוי כל ימיו

**עס** איז דאך די יונגע יארן, די גמרא זאגט דאך ווי שיין די יארן זענען, עס איז די שענסטע יארן אינעם לעבן וואס מען האט. **ווי אזוי עס וועט אויסקוקען ענקער גאנץ לעבן שפעטער**, ביז די זיבעציג יאר, ביז די ניינציג יאר, וואס דער איבערשטער געבט צו זיין אויף דער וועלט, **דאס אלעם ווענדט זיך ווי אזוי ער טוט זיך יעצט אויפפירן**. מיט וואס מען גייט ארום אלץ בחור, דאס באגלייט דאס גאנצע לעבן שפעטער. ווען איינער איז זיך יעצט מתרשל פון צו שטייגן אין תורה און אויסארבעטן די מדות, האט ער נישט פארלוירן דעם היינטיגן זמן, ער האט פארלוירן א שטיק פון זיין לעבן. זיין עתיד ווי אזוי ער וועט אויסקוקען שפעטער, ווענדט זיך אלעם ווי אזוי ער האט אויסגענוצט יעצט.

**צו** שפעטער וועט זיין עתידות זיין בעולמו של תורה, צו ער וועט קענען זוכה זיין צו זיצן באהלה של תורה, צו ער וועט זיך דארפן ארומדרייען אין מאנהעטען צו זוכן א דזשאב, אלעם איז תלוי ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפירט אלץ בחור. ווען עס קומט צו א שידוך, וואס פאר א סארט שידוך ער וועט טון, אלץ ווענדט זיך וואס דו האסט

אהער געשטעלט ביז צום ווערן א חתן. ווי אזוי מען פירט זיך אויף, **וואס מען איז מקבל יעצט**, זאל מען וויסן אז מען טוט נישט נאר פאר יעצט, וואס דו טוסט יעצט, **טוסטו פאר דיין גאנצן לעבן שפעטער**, און עס איז א שאד אז מען זאל נישט אויסנוצען די צייט יעצט, און וועגן דעם מפסיד זיין דעם עתיד פון נאכדעם. וואויל איז דעם וואס נוצט אוים אלע זיינע שעה'ן אויף תורה און עבודת ה' ווילאנג ער איז יונג.

**עס** שטייט אין די משנה (אבות ד-כ), אז מען לערנט תורה ווילאנג מען איז יונג, איז אזוי ווי מען נעמט א שיינעם פאפיר און מען שרייבט דערויף, און עס בלייבט די שריפט א שיינע שריפט. וואס מען לערנט תורה שפעטער איז אויך חשוב, אבער עס איז שוין אזוי ווי א אפגעמעקטע פאפיר, וואס מען דארף שרייבן דערויף, און עס דערקענט זיך נישט. די גמרא (שבת כא:) זאגט, אז אפילו א זאך וואס מען האט געלערנט שפעטער און מען האט עס נישט געלערנט פריער, דארף מען חרטה האבן דערויף, ווייל עס איז א נפקא מינה לגירסא דינקותא. וואס מען האט געלערנט אין די יוגנט, דאס בלייבט.

## אף פעם אינו מאוחר

**א** בחור דארף נאר האבן איין גוטע שעה אין זיין לעבן, איין גוטע שעה ישוב הדעת, איבערטראכטן זיין מצב אינעם לעבן, און עס קען טוישן אלע זיינע יארן שפעטער. באמת טראכטן ביי זיך, וואס איז מיין עתיד, עס איז שוין אדורכגעגאנגען אזויפיל יארן, און וואס וויל איך שטייגן, צו וואס וויל איך צוקומען, **און אויב ער האט א אמת'דיגע החלטה זיך מפקיר זיין פאר תורה, דעמאלטס קען ער זייער גרינג געטוישט ווערן פאר עפעס אנדערש**. און עס איז קיינמאל נישט צו שפעט, ער זאל נישט זאגן, ווען איך וואלט עס געטון מיט א פאר יאר צוריק וואלט אנדערש געווען, יעצט איז שוין שפעט. רבי עקיבא האט אנגעהויבן ביי די פערציג יאר צו לערנען תורה (כתובות סג.), און ער איז אויסגעוואקסן א רבי עקיבא, אז מיר וועלן אנהייבן ביי די פערציג וועל מיר נישט אנקומען אין ערגעץ, אבער יעצט אז

מען איז נאך יונג, אין די ימי הבחרות, ווילאנג מען זיצט נאך אין די ישיבה, קען יעדער איינער נאך אויסשטייגן און אויסוואקסן.

## יבא יום שיתבעו ממנו על שלא נעשה אדם גדול

**און** מען זאל וויסן, אז עס וועט קומען אמאל א צייט וואס מען וועט פאדערן פון יעדן איינעם, און מען וועט אים פרעגן, **פארוואס ביזטו נישט אויסגעוואקסן א ראש ישיבה**, פארוואס ביזטו נישט אויסגעוואקסן א מרביץ תורה, וואלסט געקענט. האסט א גוט'ן קאפ, עס האט דיר גארנישט געפעלט, האסט געקענט זיצן אין ישיבה און לערנען פלייסיג, האסט נישט פאר דיר אליין קאליע געמאכט, האסט קאליע געמאכט פאר די וועלט. ווי גרויס איז די זכות ווען איינער וואקסט אויס א רבי עקיבא איגר, צו קלענער פונעם ר' עקיבא איגר, און דער זעלבער ר' עקיבא איגר האט געקענט אויסוואקסן מיט זיין גוטע קאפ, צו זיין אין קאמפיוטער אויך. ווען ער זאל נישט לערנען וואלט ער אויסגענוצט זיין קאפ פאר עפעס אנדערש, מען וועט פאדערן אמאל פונעם מענטש, אז דו האסט געהאט כלים, פארוואס ביזטו נישט אויסגעוואקסן צו זיין א מורה הוראה בישראל, מיט דיינע כשרונות וואלסטו געקענט צוקומען און אויסוואקסן צו זיין א אדם גדול, יעצט איז די צייט דערצו, יעדער איינער האט דאך באמת א רצון אז ער וויל שטייגן.

**עס** איז נאר דא אזויפיל צו וואונטשן, אז דער אייבערשטער זאל געבן אז מען זאל קענען מוציא זיין מן הכח אל הפועל. א טיפע רצון איז דא ביי יעדן איינעם, ער וויל זיין גוט, ער וויל לערנען, ער וויל שטייגן אין תורה, און ער וויל נתעלה ווערן, ער האט נישט אייביג די כוחות אז ער זאל עס ארויסנעמען מן הכח אל הפועל. זאל דער אייבערשטער געבן, יעדער גייט דאך אין ישיבה, מיט א אמתדיגע רצון אנהייבן א נייע מהלך אינעם לעבן. נישט קוקען אויף וואס עס איז געווען פון פריער, נישט קוקען וואס עס איז אדורך געגאנגען ביז יעצט, אנהייבן מיט א פרישע חשק. א פרישע מסכת, פרישע צוויי מסכת, די מסכת וואס מען לערנט אין ישיבה, און א פרישע מסכת וואס ער גייט גומר זיין דעם זמן, וואס ער גייט לערנען פאר זיך. נעמען אויף זיך

צו לערנען ספרי מוסר, ספרי חסידות, ארבעטן אויף די מדות, אלץ זיך אויסקלויבן א געוויסע מדה וואס אויף דעם גיי איך אנהייבן צו ארבעטן אויף זיך, אז מען זאל זיך קענען היטן דערמיט, און איך זאל קענען שטייגן.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן אז מען זאל האבן א געוואלדיגע הצלחה, בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו, עס איז דא סייעתא דשמיא, עס ווענט זיך נאר אינעם רוצה לילך, אין דעם וועג וואס מען וויל גיין, און אויב מען וועט מחליט זיין אז מען וויל גיין און שטייגן אין תורה, וועט דער אייבערשטער געבן אז ער וועט האבן אסאך הצלחה. און איך וויל נאר אזויפיל ווינטשען, דער באשעפער זאל ענק געבן, אז אלע זאלן אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודן, יראי ה׳ וחושבי שמו, עובדי ה׳ חסידים ואנשי מעשה. דער באשעפער זאל געבן אז וואס מען טוט זאל זיין מיט א געוואלדיגע הצלחה, לאוקמי גירסא סייעתא דשמיא, האבן סייעתא דשמיא אין וואס מען טוט, מען זאל הערן שטענדיג פון ענק נאר גוטע בשורות, און וועל מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.